# די
# מעשה פון
# פורים



תורה ומסורה
בית וועד למחנכים
LAKEWOOD Teachers Center



די מעשה פון פורים האט פאסירט נאך די חורבן פון די ערשטע בית המקדש. די אידן האבן דעמאלטס געוואוינט אין בבל פאר כמעט 70 יאר.

די קעניג פון בבל האט געהייסן אחשורוש. ער האט געקעניגט איבער 127 לענדער, פון הודו ביז כוש. ושתי איז געווען די קעניגען. זיי האבן געוואוינט אין שושן הבירה, די הויפטשטאט פון פרס ומדי.

אין די דריטע יאר פון זיין קעניגרייך, האט אחשורוש געמאכט א גרויסע סעודה. אלע חשובע
מענטשן זענען געקומען. די סעודה האט זיך געצויגן פאר 180 טעג.
אחשורוש האט געמאכט נאך א סעודה פאר די איינוואוינער פון שושן וואס איז געווען פאר 7
טעג. עס איז געווען הערליך! אחשורוש האט געניצט די כלים פון די בית המקדש.






מרדכי הצדיק האט געוואוינט אין שושן הבירה. ער האט געווארענט די אידן נישט צו גיין צו די סעודה פון אחשורוש. עס איז אסור זיך צו באניצן מיט די הייליגע כלים פון די בית המקדש! אבער די אידן האבן זיך נישט צוגעהערט צו מרדכי און זענען געגאנגען צו די סעודה.

ושתי המלכה האט אויך געמאכט א סעודה פאר די פרויען.



אין די זיבעטע טאג פון די סעודה איז אחשורוש געווארען זייער שיכור.  ער האט באפוילן ושתי המלכה צו קומען פאר איהם.
ושתי האט נישט געפאלגט ווייל זי איז געווען פול מיט קרעץ און זי האט געהאט א וויידל.  זי האט זיך שטארק געשעמט.
אחשורוש איז געווארען זייער אויפגערעגט.  זיין מיניסטער המן האט איהם געגעבן אן עצה צו הרגענען ושתי.  ושתי האט דאס
פארדינט ווייל זי האט געמאכט אירע אידישע דינסטן שווער ארבעטן אין שבת.



אחשורוש איז געווען זייער טרויעריג אן א מלכה. זיינע מיניסטערן האבן איהם געוואלט העלפן טרעפן א נייע מלכה. אלע מיידלעך פון די 127 לענדער פון אחשורוש זענען געברענגט געווארן צו שושן הבירה.
אסתר האט געוואוינט מיט מרדכי. זי האט נישט געהאט א טאטע אדער א מאמע. מען האט איר אויך גענומען צו די פאלאץ. מרדכי האט איר געווארענט נישט אויסצוזאגן פון ווי זי שטאמט.
אחשורוש האט ליב געהאט אסתר און געלייגט די קעניגליכע קרוין אויף איר קאפ. אסתר איז געווארן די נייע מלכה פון אחשורוש.



מרדכי איז געזעסן אין די הויף פון די קעניג.  איין מאל האט ער געהערט ווי בגתן און תרש, צוויי באדינערס פון אחשורוש, רעדן אין א פרעמדע שפראך.  מרדכי האט פארשטאנען 70 שפראכן און ער האט פארשטאנען אז זיי ווילן הרגענען די קעניג.  מרדכי האט דאס דערציילט צו אסתר המלכה און זי האט געווארענט אחשורוש אין די נאמען פון מרדכי.  מען האט געהרגעט בגתן און תרש און די מעשה איז געשריבן געווארן אין די ספר דברי הימים פון די קעניג אחשורוש.

אחשורוש האט באשטימט המן הרשע אלץ משנה למלך. יעדער האט זיך געדארפט בוקן צו המן. מרדכי האט זיך נישט געבוקט ווייל עס איז אסור זיך צו בוקן צו א מענטש.

המן איז געווען זייער בייז. ער האט באשטימט אויסצוהרגענען אלע אידן. ער האט געמאכט א פור, א גורל, צו באשטימען אין וועלכער חודש זיי צו הרגענען. די פור איז געפאלן אויף חודש אדר.





המן איז ארייגעגאנגען צו די קעניג צו באקומען רשות צו הרגענען די אידן אין חודש אדר. המן האט דערציילט אחשורוש אז די אידן פאלגן נישט זיינע געזעצן. די קעניג האט אראפגענומען זיין רינגל און עס געגעבן צו המן. יעצט קען המן טוען וואס ער וויל מיט די אידן! המן האט ארויסגעשיקט בריוון צו אלע 127 לענדער פון אחשורוש צו זיין גרייט אויף די 13טע טאג פון חודש אדר צו הרגענען אלע אידן. די בריוון זענען געווען געשטעמפלט מיט די קעניג'ס רינגל. המן און אחשורוש זענען געווען זייער פרייליך.

מרדכי האט זיך דערוויסט וועגן המן'ס פלאן. ער האט צעריסן זיינע קליידער און זיך אנגעטוהן א זאק. ער האט געוויינט און געקלאגט וועגן די שלעכטע גזירה. אלע אידן האבן געשריגן צו ה' און געטוהן תשובה.



אסתר המלכה האט געהערט אז מרדכי זיצט ביי די קעניגליכע טויער אנגעטוהן אין א זאק. זי האט געשיקט התך צו מרדכי צו הערן וואס איז געשען. מרדכי האט איהם דערציילט אלעס וואס האט פאסירט. מרדכי האט געבעטן אסתר אז זי זאל אריינגיין צו אחשורוש צו בעטן רחמים פאר די אידן. אסתר האט מורא געהאט צו גיין צו די קעניג אן רשות אבער מרדכי האט איהר באפוילן צו גיין. אלע אידן פון שושן האבן זיך איינגעזאמלט צו פאסטן און דאווענען פאר דריי טעג. אסתר המלכה מיט אירע דינסטן האבן אויך געפאסט. זיי האבן געבעטן ה' אז אסתר זאל געפונען חן אין די אויגן פון די קעניג.



אויף די דריטע טאג פון די פאסט איז אסתר המלכה אריינגעגאנגען צו די קעניג. אחשורוש האט זיך דערפריידט איר צו זעהן און האט אויסגעשטרעקט די שרביט הזהב. ער האט איהר געפרעגט וואס זי וויל. אסתר האט איינגעלאדענט אחשורוש מיט המן צו א סעודה.



אחשורוש און המן זענען געקומען צו די סעודה. אסתר האט זיי איינגעלאדענט צו א צווייטע סעודה אויף מארגן ווי זי וועט אלעס ערקלערן.
המן איז געווען זייער צופרידן. ער אליין איז גערופן צו די סעודה מיט די מלך און די מלכה!

ווען המן איז ארויסגעגאנגען פון די פאלאץ און באגעגנט מרדכי, איז ער געווארען זייער אויפגערעגט. נאר מרדכי בוקט זיך נישט פאר המן! המן האט דערציילט פאר זיין ווייב, זרש, וועגן די גרויסע כבוד וואס ער באקומט אין די פאלאץ. אבער אלעס איז גארנישט ווערד ווי לאנג מרדכי זיצט ביי די קעניגליכע טויער און בוקט זיך נישט צו איהם.



המן'ס ווייב, זרש, האט איהם געגעבן אן עצה. המן זאל בויען א תלי' פון 50 אמות הויך. מארגן ביי די סעודה זאל המן בעטן רשות פון אחשורוש צו הענגען מרדכי אויף די תלי'. המן איז געווען צופרידן מיט די פלאן.

יענער נאכט האט אחשורוש נישט געקענט שלאפן. זיין באדינער האט געברענגט די ספר הזכרונות. שמשי, די זון פון המן, האט אנגעהויבן צו ליינען. שמשי האט פרובירט צו מישן די בלעטל אבער ער האט נישט געקענט. מלאך גבריא-ל האט עס צוריקגעמישט. ער האט נישט געהאט קיין ברירה נאר צו ליינען ווי אזוי מרדכי האט געראטעוועט די קעניג'ס לעבן.



אחשורוש האט געוואלט וויסן ווי אזוי מרדכי איז געווארן באלוינט. פונקט דאן איז המן אריינגעקומען צו בעטן אחשורוש רשות צו הענגען מרדכי. אחשורוש האט געפרעגט המן, "וואס זאל געטוהן ווערן צו א מענטש וועס די קעניג וויל איהם באלוינען?"

המן האט געטראכט, "ווען האט די קעניג ליב מער פון מיר?"

המן האט זיך געקערט צו די קעניג און געזאגט, "דער מענטש וואס דער קעניג וויל באלוינען זאל מען איהם אנטוהן קליידער וואס די קעניג האט געטראגן, און רייטן אויף א פערד וואס די קעניג האט געריטן און מען זאל איהם אזוי פירן דורך די גאסן און אויסרופן, "ככה יעשה לאיש אשר המלך חפץ ביקרו"."



המן, מיט אן איינגעבויגענעם קאפ, האט געמוזט גיין דורך די גאסן פון שושן און אזוי אויסרופן. המן'ס טאכטער האט ארויסגעקוקט פון די פענסטער. זי האט געמיינט אז מרדכי שלעפט איר טאטע אויף די פערד. זי האט אויסגעגאסן די מיסט אויף המן'ס קאפ!



המן איז צוריק אהיימגעקומען טרויעריג און באדעקט מיט מיסט. א קורצע ווײלע שפעטער איז מען איהם געקומען ברענגן צו אסתר'ס סעודה. אחשורוש האט ווידער געפרעגט אסתר וואס איז איר געבעט. אסתר האט זיך געקערט צו די קעניג און געזאגט מיט טרערן,

"עס איז פאראן א מענטש וואס וויל אויסהרגענען מיין פאלק!"

"ווער איז דער וואס וויל אזוי טוהן צו מיין מלכה?!" האט אחשורוש אויסגערופן.

"א שלעכטע מענטש, א פיינט, איז המן הרשע!" האט אסתר געענטפערט.

המן האט זיך זייער דערשראקן. ער האט פרובירט צו בעטן פאר זיין לעבן ביים מלכה.



אחשורוש איז געווארן זייער אויפגערעגט. חרבונה האט דערמאנט אחשורוש וועגן די תלי' וואס המן האט געבויט פאר מרדכי. מען האט אויפגעהאנגען המן מיט זיינע צען זין אויף די תלי'. אחשורוש האט געגעבן זיין רינגל צו מרדכי און מרדכי איז געווארן די משנה למלך. די אידן זענען געווארן זייער פרייליך.

"ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר".



מרדכי האט געשיקט נייע בריוון צו די 127 לענדער אז אלע אידן קענען נקמה נעמען אין זייערע פיינט אויף די 13טע טאג פון חודש אדר. אנשטאט א טרויעריגע טאג, איז די טאג איבערגעקערט געווארן צו א פרייליכע יום טוב!

"ונהפך הוא אשר ישלטו היהודים המה בשנאיהם".

מרדכי האט באפוילן אלע אידן צו מאכן י"ד אדר פאר א יום טוב, פורים. יעדער פורים פרייען זיך אידן, מיר הערן די מגילה, מיר עסן א משתה און מיר שיקן משלוח מנות צו אונזערע פריינד. מיר געבן מתנות לאביונים צו ארעמעלייט. מיר דאנקען און לויבן ה' פאר אונז ראטעווען פון די הענט פון המן הרשע!

